**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 02/21/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דעקלערט סטעיט אָוו עמערדזשענסי אזוי ווי זאווערוכע איז אויפן וועג צו באטרעפן לאנג איילענד, ניו יארק סיטי און לאָווער האדסאן וואלי**

***סטעיט אָוו עמערדזשענסי דעקלערט פאר אלבאני, בראנקס, קאלאמביע, גרין, דעלעווער, דאָטשעס, קינגס, נעסאו, ניו יארק, אראנדזש, פּאָטנעם, קווינס, ריטשמאָנד, ראקלענד, סופאָלק, סקענעקטעדי, סקאָוהערי, סאָליוון, אָלסטער, וועסטשעסטער און דערנעבנדע קאונטיס***

***זאווערוכע ווארענונג ארויסגעגעבן פאר לאנג איילענד, ניו יארק סיטי און דרום וועסטשעסטער קאונטי; ווינטער שטורעם ווארענונגען און וואַטשעס ארויסגעגעבן פאר די רעשט פון האדסאן וואלי***

***18-24 אינטשעס פון שניי פארגעזאגט פאר לאנג איילענד און ניו יארק סיטי; 12-18 אינטשעס פארגעזאגט פאר די האדסאן וואלי; 8-12 אינטשעס פארגעזאגט פאר דעם הויפטשטאט ראיאן; ברייט-פארשפרייטע 1-6 אינטשעס פארגעזאגט פאר די רעשט פון די סטעיט***

***ווינט אויסברוכן האבן פאטענציאל צו דערגרייכן 60 מ.פ.ש., קענענדיג פירן צו פארבלינדנדע אדער אפילו זאווערוכע אומשטענדן, מאכנדיג דאס סכנות'דיג צו פארן, באזונדערס אין ניו יארק סיטי און לאנג איילענד***

***גאווערנער מאביליזירט 100 מיטגלידער פון די נעשענעל גאַרד צו שטיצן אפרופונג אפעראציעס און לאקאלע שותפים אריבער ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און די לאָווער האדסאן וואלי***

***שטארקע ווינטן צוזאמגעפארט מיט נאסע, שווערע שניי קענען אויך פירן צו עלעקטריציטעט קורצשלוסן***

***מער פון 5,600 יוטיליטי ארבעטער שטייען גרייט אריבער די סטעיט צו דורכפירן שאדן אפשאצונגען, זיך אפצורופן, פאררעכטן און צוריקברענגען סערוויס***

***ניו יארקער אריבער לאנג איילענד, ניו יארק סיטי און די האדסאן וואלי זאלן זיך צוריקהאלטן פון פארן זונטאג ביז מאנטאג און בלייבן אינדערהיים; ארבעטסגעבער ערמוטיגט צו ערלויבן ארבייטער צו ארבעטן פונדערווייטנס***

***ניו יארקער קענען זיך איינשרייבן פאר וועטער און עמערדזשענסי אלערטס דורכן טעקסטן 333111***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט דעקלערט א סטעיט אָוו עמערדזשענסי אין אלבאני, בראנקס, קאלאמביע, גרין, דעלעווער, דאָטשעס, קינגס, נעסאו, ניו יארק, אראנדזש, פּאָטנעם, קווינס, ריטשמאָנד, ראקלענד, סופאָלק, סקענעקטעדי, סקאָוהערי, סאָליוון, אָלסטער, וועסטשעסטער און דערנעבנדע קאונטיס, און זי האט מאביליזירט די ניו יארק נעשענעל גאַרד (New York National

Guard) אזוי ווי א זאווערוכע איז פארגעזאגט צו באטרעפן די לאָווער האדסאן וואלי, ניו יארק סיטי און לאנג איילענד, און ערנסטע ווינטער וועטער אומשטענדן זענען ערווארטעט אריבער די רעשט פון די האדסאן וואלי. וועטער פארשאצונגען האבן זיך שנעלערהייט פארערגערט פרייטאג צונאכטס און זאגן יעצט פאר 18 ביז 24 אינטשעס פון שניי מיט ווינטן מיט פאטענציאלע אויסברוכן פון איבער 60 מ.פ.ש. אין לאנג איילענד און ניו יארק סיטי. די האדסאן וואלי איז פארגעזאגט צו באקומען 12 ביז 18 אינטשעס פון שניי, אין די צייט וואס דער הויפטשטאט ראיאן קען באקומען אכט ביז 12 אינטשעס. אנדערע געגנטער אריבער די סטעיט וועלן באקומען סך הכל שניי פון איינס ביז זעקס אינטשעס. די זאווערוכע אומשטענדן וועלן דאס מאכן גאר סכנות'דיג צו פארן, און קענען אנברענגען ברעגע פארפלייצונגען און פאטענציאלע עלעקטריציטעט קורצשלוסן.

אנגעהויבן זונטאג, וועלן 100 מיטגלידער פון די ניו יארק נעשענעל גאַרד מיט 25 טרעקלעך אוועקגעשטעלט ווערן אריבער די לאָווער האדסאן וואלי, ניו יארק סיטי און לאנג איילענד צו שטיצן דאַונסטעיט אפרופונג אפעראציעס און לאקאלע שותפים. אין צוגאב, וועט די סטעיט עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער (State Emergency Operations Center) אקטיוויזירט ווערן אנגעהויבן זונטאג אינדערפרי.

"שניי און קאלטע וועטער איז נישט קיין פרעמדע זאך פאר ניו יארקער, אבער די זאווערוכע אומשטענדן וועלכע דערנענטערן זיך צו ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און די לאָווער מיד-האדסאן וועלן אנברענגען שווערע שניי און שטארקע ווינטן, מיט די שטורעם פארגעזאגט צו באטרעפן א גרויס חלק פון אונזער סטעיט", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "פונקט ווי יעדע וועטער געשעעניש, זענען אונזערע סטעיט אגענטורן אויסגעשטאט מיט די מיטלען וואס זיי דארפן זיך צו אפרופן צו די אנטוויקלנדע שטורעם און צו האלטן יעדן איינעם וויסנדיג איבער די לעצטע אנטוויקלונגען. איך מוטיג יעדן איינעם צו נעמען שריט, בלייבן וואכזאם און שטענדיג נאכפאלגן אייער לאקאלע וועטער פארשאצונג פאר די לעצטע אנטוויקלונגען."

שווערע ווינטער וועטער אומשטענדן זענען אויך ערווארטעט אריבער די רעשט פון די האדסאן וואלי, מיט ווינטער שטורעםווארענונגען שוין יעצט אין קראפט פאר צפון וועסטשעסטער, ראקלענד, אראנדזש און פאָטנעם קאונטיס, מיט צווישן 10 און 15 אינטשעס פון שניי און ווינט אויסברוכן ביז 45 מ.פ.ש. ערווארטעט. ווינטער שטורעם וואַטשעס זענען אין קראפט פאר דאָטשעס, אָלסטער, גרין און קאלאמביע קאונטיס, מיט זעקס ביז 12 אינטשעס שניי ערווארטעט מיט ווינט אויסברוכן ביז 45 מ.פ.ש.

ניו יארקער זאלן נעמען די שטורעם ערנסט, זיך גרייטן יעצט, נאכפאלגן די לאקאלע וועטער פארשאצונגען פון די נאענט און בלייבן אינדערהיים דורכאויס די גאנצע שטורעם. אויף מאנטאג, פלאנירט די לאנג איילענד רעיל ראָוד (Long Island Rail Road) צו אפערירן די באנען אויף א זונטאג סקעדזשול, מיט ענדערונגען ווי נויטיג לויט די אנטוויקלנדע וועטער אומשטענדן. מעטראָ-נארט רעילראָוד (-Metro North Railroad) וועט אפערירן איין באן יעדע שעה אויף די הארלעם, האדסאן און ניו העיווען ליניעס, און נאר סוף-וואך באנען וועלן פארן אויף די קאנעטיקוט און וועסעאיק ליניעס. סאָבוועי באנען ענדערונגען און פארשפעטיגונגען זענען ערווארטעט זונטאג איבערנאכט אריין אין מאנטאג, אזוי ווי די עקספרעס רעלסן ווערן גענוצט צו האלטן די באנען אונטער די ערד דורכאויס שווערע שנייען.

אלע ליידיגע קאמערציעלע וויהיקלס און אלע באהאפטענע טראקטאר טרעילערס וועלן זיין פארבאטן פון פארן אויף די I-84 און אויף אלע שאסייען דרום פון די I-84, אריינרעכענענדיג אלע טרו-וועי סיסטעם שאסייען. אלע אנדערע קאמערציעלע וויהיקלס וועלן זיין באגרעניצט צו פארן נאר אויף די רעכטע לעין אויף די I-84 און אויף אלע שאסייען דרום פון די I-84, אריינרעכענענדיג אלע טרו-וועי סיסטעם שאסייען אין אראנדזש, ראקלענד און וועסטשעסטער קאונטיס. די באגרעניצונגען וועלן זיך אנהויבן פון זונטאג, פעברואר 22, 4 נאכמיטאג און וועלן אוועקגענומען ווערן ווען אומשטענדן ערלויבן.

די נאציאנאלע וועטער סערוויס (National Weather Service) האט שוין אנגעהויבן ארויסגעבן ווינטער שטורעם וואַטשעס, און ניו יארקער זאלן נאכפאלגן זייערע לאקאלע פארשאצונגען פון די נאענט און איבערקוקן די לעצט מעלדונגען ארויסגעגעבן דורך די נאציאנאלע וועטער סערוויס. פאר א פולע ליסטע פון וועטער וואַטשעס,ווארענונגען און אנדערע אלערטס, דרוקט [דא](#).

ניו יארקער זאלן אויך זיכער מאכן אז רעגירונג עמערדזשענסי אלערטס זענען ערמעגליכט אויף זייערע סעלפאונס און זאלן זיך רעגיסטרירן פאר בשעת-מעשה'דיגע וועטער און עמערדזשענסי אלערטס דורכן טעקסטן די נאמען פון זייער קאונטי אדער באראו צו 333111.

**<u>אגענטור צוגרייטונגען</u>**

### דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services)

די דיוויזיע'ס אפיס פון עמערדזשענסי מענעדזשמענט (Office of Emergency Management) שטייט אין פארבינדונג מיט לאקאלע אינסטאנצן און זענען גרייט צו ארויסהעלפן מיט סיי וועלכע לאקאלע פארלאנגען פאר הילף. די סטעיט'ס זאפאסן זענען גרייט צו ארויסשיקן עמערדזשענסי אפרופונג מיטלען און סופלייס ווי נויטיג. די סטעיט עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער וועט אקטיוויזירט ווערן אנגעהויבן פון זונטאג, און די סטעיט וואַטש צענטער (State Watch Center), ניו יארק'ס 24/7 אלערט און ווארענונג צענטער, פאלגט נאך פון די נאענט די וועג וואס די שטורעם נעמט און די ווירקונגען אריבער די סטעיט. די סטעיט פייער אפעראציעס צענטער איז אויך אקטיוויזירט געווארן.

### טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation)

די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט פאלגט נאך די וועטער אומשטענדן און איז גרייט זיך צו אפרופן מיט 3,737 סופערווייזערס און מאשין דרייווערס. ראיאנישע טיעמס זענען יעצט פארנומען מיט אקטיוויטעטן און צוגרייטונגען צו קענען רעאגירן צו שניי און אייז. אלע געגנטער וואו מענטשן וואוינען וועלן בלייבן מיט מאנשאפטן אויפן ארט גרייט פאר אפעראציעס 24/7 דורכאויס די גאנצע וועטער געשעעניש, און אלע אזעלכע געגענטער וועלן ווערן די ערשטע אפגערייניגט.

אלע אוועילעבל שניי און אייז געצייג איז גרייט צו ווערן ארויסגעשיקט. פלאטע מעכאניקער וועלן זיך געפונען 24/7 אין אלע הויפט געגנטער וואו מענטשן וואוינען צו דורכפירן פארעכטונגען און האלטן טראקס אויפ'ן גאס. צו שטיצן אפרופונג אקטיוויטעטן אין קריטישע ערטער, ווערן דריי לאָודער טראקטארס מיט שניי בלאזערס ארויסגעשיקט צו דעם לאנג איילענד ראיאן.

צו שטיצן קריטישע שניי און אייז אפעראציעס אין די האדסאן וואלי און אין לאנג איילענד, וועלן 127 שטאב מיטגלידער ארויסגעשיקט ווערן פון אנדערע ראיאנען ווי פאלגנד.

- הויפטשטאט ראיאן: שיקט 4 מאשין דרייווערס צו די האדסאן וואלי און 4 מאשין דרייווערס צו לאנג איילענד
- מאוהאק וואלי: שיקט 4 עקוויפּמענט אפעראציע אינסטראַקטארס צו די האדסאן וואלי און 21 מאשין דרייווערס און 3 סופּערווייזארס צו לאנג איילענד
- צענטראל ניו יארק: שיקט 2 עקוויפּמענט אפעראציע אינסטראָקטארס צו די האדסאן וואלי און 16 מאשין דרייווערס און 2 סופּערווייזארס צו לאנג איילענד
- פינגער לעיקס: שיקט 14 מאשין דרייווערס, 1 סופּערווייזאר און 2 עקוויפּמענט אפעראציע אינסטראָקטארס צו די האדסאן וואלי
- מערב ניו יארק: שיקט 12 מאשין דרייווערס און 2 סופּערווייזארס צו די האדסאן וואלי
- מערב סאוטערן טיער: שיקט 10 מאשין דרייווערס און 1 סופּערווייזאר צו די האדסאן וואלי

- נארט קאנטרי — שיקט 2 עקוויפמענט אפעראציע אינסטראַקטארס צו די האדסאן וואלי און 16 מאשין דרייווערס און 2 סופערווייזארס צו לאנג איילענד
- מזרח סאוטערן טיער — שיקט 8 מאשין דרייווערס און 1 סופערווייזאר צו לאנג איילענד

אין סך הכל, באקומט דער האדסאן וואלי ראיאן 40 מאשין דרייווערס, 4 סופערווייזארס און 10 עקוויפמענט אפעראציע אינסטראַקטארס (54 סך הכל שטאב מיטגלידער).
אין סך הכל, באקומט לאנג איילענד 65 מאשין דרייווערס און 8 סופערווייזארס (73 סך הכל שטאב מיטגלידער).

א פריערדיגע אריבערשיקונג פון 3 לאָודער טראקטאר שניי בלאזערס צו לאנג איילענד איז שוין אויסגעפירט געווארן.

די עקוויפמענט ציפערן אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:
- 1,642 גרויסע שארער טראקס (האדסאן וואלי: 259, לאנג איילענד: 254)
- 149 מיטלמעסיגע שארער טראקס (האדסאן וואלי: 35, לאנג איילענד: 19)
- 56 טאָו שארערס (האדסאן וואלי: 3, לאנג איילענד: 1)
- 334 גרויסע לאָודער טראקטארס (האדסאן וואלי: 51, לאנג איילענד: 35)
- 33 שניי בלאזערס (האדסאן וואלי: 1, לאנג איילענד: 1)

די נויט פאר נאך מיטלען וועט ווערן איבערגעשאצט לויט ווי אומשטענדן פארלאנגען דורכאויס די שטורעם. פאר די ריל-טיים אינפארמאציע, זאלן דרייווער רופן 511 אדער באזוכן www.511NY.org, ניו יארק סטעיט'ס אפיציעלע טראפיק און רייזע אינפארמאציע מקור.

**טרו-ווער אויטאריטעט (Thruway Authority)**

די טרו-ווער אויטאריטעט איז גרייט זיך אפצורופן מיט 691 מאשין דרייווערס און סופערווייזארס שטייענדיג גרייט. די ציפערן פון די צאל געצייג און ריסאורסעס וואס זענען אוועילעבעל אינעם סטעיט זענען אויסגערעכנט פון אונטן:

- 345 גרויסע און מיטלמעסיגע שארער טראָקס
- 11 טאָו שארערס
- 62 לאָודער טראקטארס
- איבער 105,000 טאנען פון זאלץ גרייט

שילדן מיט אנזאג-ענדערונג פעאיגקייטן און סאושעל מידיע (X און פעיקבוק) ווערן געניצט צו ווארענען מאטאריסטן איבער וועטער אומשטענדן אויף דער טרו-ווער.

דרייווערס ווערן דערמאנט אז טרו-ווער שניי שארער טראקס פארן מיט א שנעלקייט פון בערך 35 mph (מייל א שעה) – וואס איז אין פיל פעלער שטייטער פון די ערלויבטע ספיד לימיט – כדי צו זיכער מאכן אז די זאלץ וואס מען שפרייט אויס פארבלייבט אין די דרייווינג ליניעס און פארשפרייט זיך נישט אויף די זייטן פונעם שאסיי. די פארזיכערטסטע פלאץ פאר מאטאריסטן איז צו פארן גענוג ווייט פון די שארער-טראקס; דארט וואו דער שאסיי איז שוין אפגערוימט און באזאלצן.

די טרו-ווער אויטאריטעט טוט מוטיגן מאטאריסטן צו דאונלאוד'ן איר מאוביל עפפ וואס איז צו באקומען אומזיסט אויף iPhone און Android דעווייסעס. די עפפ טוט צושטעלן פאר מאטאריסטן דירעקטע לעבעדיגע טראפיק אינפארמאציע, לעבעדיגע טראפיק קאמערעס, און נאוויגאציע הילף בשעת זיין זענען אויפ'ן וועג. מאטאריסטן קענען זיך אויך איינשרייבן פאר TRANSalert אימעילס און נאכפאלגן @ThruwayTraffic אויף X פאר די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס דעם טרו-ווער..

**דעפּאַרטמענט פון פובליק סערוויס (Department of Public Service)**
די ניו יארק סטעיט דעפּאַרטמענט פון פובליק סערוויס בלייבט אין פאַרבינדונג מיט די רעגולירטע עלעקטריציטעט און גאַז יוטיליטי פירמעס צו זיכער מאכן אז צופרידנשטעלנדע גרייטונגען ווערן געמאכט פאר די ווינטער ברעגע שטורעם וואלקענעס. די אפּטיילונג'ס הויפּט פריאריטעט בלייבט ווייטער צו באַשיצן פאַרלעסליכע און שטאַנדהאַפטיגע עלעקטרישע סערוויס פאַר ניו יארקער דורכאויס דעם שטורעם דורך אנהאלטן רעגולירונג איבערזיכט איבער די יוטיליטי'ס גרייטקייט און רעאגירונג צו סיי וועלכע קורצשלוסן וואס קענען מעגליך פאַסירן.
ניו יארק'ס יוטיליטי פירמעס האבן יעצט אומגעפער 5,600 ארבעטער שטייענדיג גרייט אריבער די סטעיט צו דורכפירן שאדן אפּשאַצונגען, זיך אפּצורופן, פארעכטן און צוריקברענגען סערוויס אריבער ניו יארק סטעיט. יוטיליטי מאנשאפטן זענען גרייט זיך צו אפּרופן אין די שווערע אומשטענדן און פירן איין פון-פאַראויס אוועקגעשטעלטע פלענער פאר איינטיילונג פון מיטלען, אריינרעכענענדיג אריבערערוקנדיג מיטלען צו שטיצן געגנטער וועלכע זענען ערוואַרטעט צו די שווערסטע באטראפן ווערן. דעפּאַרטמענט איינגעשטעלטע וועלן פאַרזעצן צו נאכפאלגן די יוטיליטי פירמעס'ס ארבעט דורכאויס די וועטער געשעעניש.

די אפּטיילונג שטעלט צו נאך אינפאַרמאַציע איבער ווינטער גרייטקייט, אריינגערעכנט ווינטער זיכערהייט און יעצטיגע קאנסומער באשיצונגען וואס מען קען באקומען אויף: [ווינטער גרייטקייט | דעפּאַרטמענט פון פובליק סערוויס]. די פובליקום ווערט געמוטיגט זיך צו פאַרבינדן מיט די דעפּאַרטמענט'ס אפיס פון קאנסומער סערוויסעס (Office of Consumer Services) פאר קאמפּלעינטס אדער זארגן אין באציאונג צו זייער יוטיליטי פירמע [פאַרבינדט זיך מיט אונז | דעפּאַרטמענט פון פובליק סערוויס].

**ניו יארק סטעיט פאליציי (New York State Police)**
סטעיט פאליציי טוט נאנט נאכפאלגן די פאַרשאַצונג און טוט קאארדענירן מיט אונזערע סטעיט און לאקאלע שותפים אין די צייט וואס ווינטער וועטער קומט אן קיין ניו יארק. מער פאטראלן וועלן צוגעלייגט ווערן אין אפעקטירטע געגנטער אין די צייט וואס די שטורעם פארשטערקערט זיך, און ספּעציאַליזירטע איינהייטן און געצייג זענען גרייט צו רעאגירן צו סיי וועלכע וועטער-פארבינדעטע עמערדשענסיס.

**דעפּאַרטמענט פון ענווייראַמענטאלע אפּהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC)**
די דעפּאַרטמענט פון ענווייראַמענטאלע אפּהיטונג'ס (DEC) עמערדזשענסי מענעדזשמענט איינגעשטעלטע, ענווייראַמענטאלע אפּהיטונג פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשערס און ראַאנישע איינגעשטעלטע בלייבן אויפן וואך און זענען פאר צו נאכפאלגן די וועטער פאַרשאַצונגען. ארבעטנדיג מיט שותפות'דיגע אגענטורן, איז DEC גרייט צו קאארדינירן די ריסאורס פארטיילונג פון אלע הילפס מיטלען וואס מען פארמאגט, אריינגערעכנט ערשטע הילף מאנשאפט, צו געצילטע געגנטער אין צוגרייטונג פאר פאטענציאלע אפעקטן צוליב עקסטרעמע טעמפּעראַטורן, הויכע ווינטן, געפרוירענע רעגן, שניי און אייז.

די DEC דערמאנט די וועלכע זענען פאראנטווארטליך צו שארן און אוועקפירן שניי צו אויספאלגן די רעקאמענדירטע סטאנדארטן צו העלפן פארמיידן פארפלייצונגען און רעדוצירן די פאטענציאל פון פארפעסטיגנדע מאטריאלן ווי זאלץ, זאמד, אוילן, מיסט און אנדערע שמוץ פון שעדיגן די וואסער קוואליטעט. אריינוואַרפן שניי אין לאקאלע טייכלעך און וואסער-שטראמען קען שאפן אייז דאמבעס וואס קענפאַראורזאכן פארפלייצונגען. פובליק און פריוואטע שניי שארער אפערירער זאלן זיין אויפמערקזאם איבער די זיכערהייט אנגעלעגנהייטן דורכאויס און נאך ווינטער שטורעמס. נאך אינפארמאציע איז צו באקומען אויף [דיוויזיע פון וואסער טעכנישע און אפערירונג ( Division of Water Technical and Operational) אנווייזונג סעריע: אוועקפירן שניי].

**שפּאַציר זיכערהייט**
הייקערס ווערן געראטן צו צייטוויליג אוועקשטיין פון אלע העכערע טרעילס און אזוי אויך פון טרעילס וואס גייען אריבער טייכן און וואסער שטרוימען דורכאויס שווערע שטורעמעס און עקסטרעם קאלטע וועטערס. שפאצירער אין די אדיראנדאקס ווערן געמוטיגט צו איבערקוקן די DEC'ס וועב-בלעטער פאר די לעצטיגע נייעס איבער טרעיל אומשטענדן, סעזאנישע גאס פארשליסונגען, און אלגעמיינע אונטערהאלטונג אינפארמאציע. ווינטער וועטער און שטורעמעס וואס זענען שווער צו פאראויסזעהן, אין די עדיראַנדעקס, קעטסקילס און אנדערע קאָנטרי ראיאנען, קענען שאפן אומערווארטעטע געפארפולע אומשטענדן.

באזיכער מוזן זיין גרייט מיט פאסיגע קליידונג און עקוויפּמענט פאר שניי, אייז און קעלט צו פארזיכערן א זיכערע ווינטער ערפארונג. די שניי טיפקייטן זענען אסאך אנדערש אריבער די עדיראַנדעקס, מיט די טיפסטע שנייען אויף הויכע בערג אין דעם ראיאן פון די בערג שפיצן און אנדערע בערג העכער 3,000 פיס. נידריגע טרעילס האבן געמישטע אומשטענדן פון שניי, אייז און סלאש, אריינגערעכנט פילע טרעילס אין די קעטסקיל בערג וואו עס הערשט די מעגליכקייט פאר אייזיגע און געפארפולע טרעיל אומשטעדן.

אין פאל פון אן עמערדשענסי, רופט 9-1-1. צו בעטן הילף פון וואלד רעינדזשער, רופט 1-833-NYS-RANGERS. כאטש טייל וואסערן קענען אויסקוקן פארפרוירן, זאל סיי ווער וואס לאזט זיך ארויס אויף וואסערן [איבערקוקן אייז זיכערהייט אנווייזונגען](#) בעפארן זיך ארויסלאזן.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation)**
ניו יארק סטעיט פארק פאליציי (New York State Park Police) און פארק איינגעשטעלטע זענען אויפן וואך און האלטן א נאענטע אויג אויף די וועטער אומשטענדן און ווירקונגען. אפרופונג עקוויפּמענט ווערט אנגעפילט מיט גאז, אויספרובירט און צוגעגרייט צו ווערן גענוצט זיך אפצורופן צו די שטורעם. פארק באזיכער זאלן באזוכן [parks.ny.gov](#), קוקן אויף די אומזיסטע [NY State Parks Explorer](#) מאוביל עפפ אדער אנרופן זייער לאקאלע פארק אפיס פאר די לעצטיגע אינפארמאציע איבער פארק שעות, עפענונגען און פארשליסונגען.

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA)**
די MTA טוט נאנט נאכפאלגן וועטער אומשטענדן צו פארזיכערן פארזיכערטע און פארלעסליכע סערוויס. MTA ארבייטער וועלן שטיין גרייט צו אויספרייטן זאלץ, אפרייניגן פלאטפארמעס און טרעפּ וואו עס איז דא אייז און האלטן סיגנאלן, סוויטשעס און עלעקטריציטעט רעלסן אין אפעראציע און זיך אפגעבן מיט סיי וועלכע וועטער-פארבינדענע פראבלעמען.

פאסאנזשירן ווערן געמוטיגט צו קוקן אויף די MTA עפּ, די TrainTime עפּ אדער אויף [mta.info](#) פאר די לעצטע סערוויס אינפארמאציע בעפארן ארויספארן. פאסאנזשירן זאלן זיך אויך איינשרייבן צו באקומען אימעיל אדער טעקסט סערוויס אלערטס.

**פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערסי (Port Authority of New York and New Jersey)**
די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי פאלגט נאך די וועטער פארשאצונגען פון די נאענט און ארבעט מיט לופטפעלד טערמינאל אפערירער און אנדערע לופטפעלד שותפים ביים מאכן גרייטונגען. בעפארן זיך ארויסלאזן צו די לופטפעלד, זאלן לופט רייזנדע איבערקוקן מיט זייערע לופטליניעס פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער זייערע פלי רייזעס, אדער קענען זיי קוקן אויף די [פעדעראלע אוויאציע אדמיניסטראציע'ס (Federal Aviation Administration, FAA) וועבזייטל](#) פאר סיי וועלכע FAA לופט טראפיק קאנטראל פראגראמען וועלכע קענען אפעקטירן פליגער אפעראציעס ביי די לופטפעלד פון וואו

זיי דארפן זיך צו אויפהייבן, און זיי זאלן צולייגן מער צייט פאר די רייזע צו די לופטפעלד. דרייווערס וועלכע באנוצן זיך מיט די פארט אויטאריטעט'ס זעקס בריקן און טונעלן ווערן שטארק געמוטיגט זיך צו איינשרייבן פאר אימעיל אלערטס, באס פאסאנזשירן קענען נוצן די MyTerminal עפּ פאר די לעצטע אלערטס איבער באס סערוויס ביי די מידטאון באס טערמינאל און PATH פאסאנזשירן קענען זעהן באן סערוויס אינפארמאציע אויף די PATH טעלעפאן עפּ, RidePATH. צו זעהן די לעצטע אינפארמאציע איבער סערוויס ענדערונגען ביי פארט אויטאריטעט איינריכטונגען, דרוקט דא.

**עצות פאר פארזיכערטע ווינטער דרייווינג**

- קוקט נאך די פארשאצונגען פאר אייער לאקאלער געגנט און פאר געגנטער וואו איר וועט מעגליך פארן.
- פארמיידט אומנויטיגע טרעוועל.
- אויב איר מוז פארן, זאלט איר זיכער מאכן אז איר אייער קאר פארמאגט די וויכטיגסטע חפצים ווי דאכנעס, א שאוועל, פלעשלייט און איבעריגע באטעריס, נאך ווארעמע קליידונג, א סעט פון טייער-טשעינס, באטערי בּוסטער קעיבלס, הויכע-ענערגיע עסנווארג און ליכטיג געפארבטע סחורה צו ניצן אלס צייכן אז איר נויטיגט זיך אין הילף.
- אויב איר האט א סעלפאון אדער אנדערע פארבינדונגס דעוויס, א שטייגער ווי א טו-ווער ראדיאו פאר אייער באנוץ, זאלט איר האלטן די באטעריס גע'טשארדש'ט און עס האלטן מיט זיך ווען אומער איר פארט ארום. אויב איר ווערט געשטראנדעט, וועט איר קענען רופן פאר הילף, אנגעבנדיג אייער לאקאציע פאר די רעטונגס לייט.
- די הויפט אורזאך וואס הרג'עט און פארוואונדערט מענטשן דורכאויס ווינטער שטורעמעס איז טראנספארטאציע אקסידענטן. פאר'ן זיך זעצן ביים רעדל, זאלט איר זיכער מאכן אז אייער וויהיקעל איז אפגערוימט פון אייז און שניי; קענען גוט זעהן איז גאר וויכטיג צו קענען גוט דרייוון. לייגט צו קאפ יעדעס מאל איר שטעלט זיך אפ און לאזט איבער געגוג פלאץ צווישן קארן. זייט ספעציעל וואכזאם און געדענקט אז שניי קען פארשטעלן קלענערע קינדער. פארט אויף א שנעלקייט וואס איז פאסיג פאר די שאסיי און וועטער אומשטענדן.
- עס איז וויכטיג פאר מאטאריסטן אויף אלע שאסייען צו אנמערקן אז שארער טראקס פארן אויף א שנעלקייט ביז 35 מייל א שעה, וואס איז אין פיל פעלער שטייטער ווי דער ערלויבטע ספיד לימיט.
- אפטמאל, וועלן שארער טראקס אפערירן איינס נעבן צווייטן אויף אינטערסטעיט הייוועי צו אפרוימען עטליכע ליניעס אויף א מאל פארזיכערטערהייט.
- מאטאריסטן און פיסגייער זאלן געדענקען אז שארער-טראק דרייווערס זענען באגרעניצט אין וואס זיי קענען זען, און די גרויסקייט און שווערע וואג פון די שארער-טראקס קענען שטארק פארשווערן די מעגליכקייט פון זיך קענען שנעל אוועקצודרייען אדער זיך אפשטעלן. די שניי וואס ווערט ארויסגעשפיגן פון הונטער'ן שארער טראק קען שטארק רעדוצירן זעהבארקייט אדער פאראורזאכן ווייט-אוט אומשטענדן.
- מאטאריסטן זאלן נישט פרובירן אריבערצופארן שארער טראקס אדער זיי נאכפארן צו נאנט. די פארזיכערטסטע פלאץ פאר מאטאריסטן איז צו פארן גענוג ווייט פון הונטער די שארער-טראקס וואו דער שאסיי איז שוין אפגערוימט און באזאלצן. פרובירט קיינמאל נישט צו באכאפן א שניי שארער בשעת עס איז אין אפעראציע.

**קורצשלוסן זיכערהייט עצות**

- גייט נישט נאנט און רירט נישט צו קיין געפאלענע אדער הענגעדיגע פאויווער ליניעס: באגייט זיך מיט אלע דראטן אלס לעבעדיג און געפארפול. האלט קינדער און שטוב-באשעפענישן אוועק פון געפאלענע עלעקטרישע דראטן. רירט קיינמאל נישט צו קיין זאכן וואס זענען פארבינדן מיט דראטן.
- פרעגט אן ביי אייער יוטיליטי פירמע צו הערן די ארטיגע פארערכטונג סקעדזשוּלס.

- לעשט אויס אדער שאלטערט אויס די לעקטער און אפלייענסעס כדי צו פארמיידן די סירקוט פון ווערן איבערגעשטרענגט ווען די סערוויס ווערט צוריק געעפנט; לאזט איין לעקטער אנגעצינדן כדי איר זאלט וויסן ווען די עלעקטריציטעט קומט צוריק.
- אויב די הייצונג לעשט זיך אויס בשעת א שטורעם, האלט זיך ווארעם דורך פארמאכן סיי וועלכע צימערן וואס איר דארפט נישט.

**צו באריכטן אן עלעקטריציטעט קורצשלוס, רופט:**

Central Hudson: עלעקטריק: 800-527-2714 אדער גאז: 800-942-8274
Con Ed: עלעקטריק: 800-752-6633 אדער גאז: 800-752-6633
Corning Gas: 800-834-2134
Liberty Utilities (St. Lawrence Gas) Corp.: 800-673- 3301
National Fuel Gas: 1-800-444-3130

נעשענעל גריד:

- עלעקטריק: 800-867-5222
- לאנג איילענד (גאז): 1-800-490-0045
- Metro NYC (גאז): 1-718-643-4050
- אפסטעיט (גאז): 1-800-892-2345

NYSEG: עלעקטריק: 800-572-1131 אדער גאז: 800-572-1121
O&R: עלעקטריק: 877-434-4100 אדער גאז: 800-533-5325
PSEG-LI: 800-490-0075
RG&E: עלעקטריק: 800-743-1701 אדער גאז: 800-743-1702

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן